אין אידיש

ערב יו"ט
שבועות
שנת תשפ"ו

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק
ווערטער, אין אמונה און
בטחון און נאך

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ -058-323

בס"ד

# די ריכטיגע הכנה צו קבלת התורה, איז זיך מחזק צו זיין מיט אמונה און התבטלות צום אייבערשטן!!!

## » פארוואס איז די ערשטע גאולה פארגעקומען אין מדבר?!

**עס** שטייט אין **מדרש** (במב"ר א ז) ווי פאלגענד: "פון דא האבן די חכמים געלערנט, מיט דריי זאכן איז די תורה געגעבן געווארן, מיט פייער, מיט וואסער און מיט די מדבר וכו'. און פון ווי ווייס איז 'מדבר', ווייל עס שטייט אין פסוק וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי (במדבר א, א)". און די ספרים זענען מאריך אויף אסאך וועגן, ווי אזוי מסביר צו זיין דעם מדרש.

**הרה"ק** ר' לייבל'ע אייגער זי"ע (אין זיין ספר תורת אמת ד"ה וידבר), איז דאס מבאר ווי פאלגענד: "מען טרעפט אין די תורה, אז די ערשטע מאל וואס דער אייבערשטער האט זיך אנטפלעקט צו משה רבינו, איז עס געווען אין מדבר, ווי עס שטייט קלאר געשריבן אין די תורה וּמֹשֶׁה הָיָה רֹעֶה וגו' וַיִּנְהַג אֶת הַצֹּאן אַחַר הַמִּדְבָּר וַיָּבֹא אֶל הַר הָאֱלֹקִים חֹרֵבָה (שמות ג, א). אויך האט זיך די גאנצע הכנה צו מתן תורה אנגעהויבן אין מדבר, ווי עס שטייט אין פסוק בַּיּוֹם הַזֶּה בָּאוּ מִדְבַּר סִינָי, וַיִּסְעוּ מֵרְפִידִים וַיָּבֹאוּ מִדְבַּר סִינַי וַיַּחֲנוּ בַּמִּדְבָּר (שמות יט, א-ב)."

"**און** די סיבה פון דעם איז, ווייל די מדבר איז א פלאץ וואס איז נישט ראוי אויף איינצוזייען און אקערן, וואס דאס ווייזט אויף מבטל זיין די כוחות פון דעם מענטש און די דרכי הטבע צום אייבערשטן, ווייל א מענטש קען נישט דארט צוקומען צו א געפיל פון כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה."

"**דעריבער** איז די אנפאנג פון די גאולה געווען אין מדבר, כדי מרמז צו זיין אז ווען א מענטש קומט אן צו די איינערקענונג, אז דער גאנצע וועלט איז אין אמת'ן אזוי ווי א מדבר, דעמאלטס ווערט ער געהאלפן אין אלע זיינע זאכן. ווייל די אמונה אינעם אייבערשטן אז ער פירט די גאנצע וועלט, דאס ברענגט די גרעסטע ישועות."

"**דאס** זעלבע איז לגבי קבלת התורה. ווען כלל ישראל זענען אנגעקומען קיין מדבר סיני, און עס איז זיי קלאר געווארן (דורך דעם ענין פונעם מדבר) אז זיי האבן נישט קיין שום אייגענע כוחות, דורך דעם זענען זיי געווארן גרייט צו קבלת התורה, ווייל קבלת התורה ווענדט זיך אין אמונה. און אזוי ווי דער אייבערשטער האט זיי געזאגט פאר מתן תורה אַתֶּם רְאִיתֶם אֲשֶׁר עָשִׂיתִי לְמִצְרָיִם וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים וָאָבִא אֶתְכֶם אֵלָי (שם ד) וכו', וכמו שנאמר כְּנֶשֶׁר יָעִיר קִנּוֹ וגו' יִפְרֹשׂ כְּנָפָיו יִקָּחֵהוּ וכו', ה' בָּדָד יַנְחֶנּוּ וְאֵין עִמּוֹ אֵל נֵכָר (דברים לב, יא- יב), מיט דעם איז קלאר געווארן פאר זיי, אז עס איז נישט פארהאן קיין שום כח חוץ פונעם אייבערשטן", עכ"ל.

**זעהט** מען פון דעם, אז די ריכטיגע הכנה צו קבלת התורה איז זיך איינצוקריצן, אז קיין שום מענטש און זאך האט נישט קיין אייגענע כח אויף דער וועלט, צוטוהן גוטס אדער שלעכטס, דאס איז די בחינה פון 'מדבר סיני'.

## » וואס איז די מצוה וואס קומט פאר קבלת התורה?!

**און** מיר זעען טאקע, אז די ערשטע צוויי מצוות פון די עשרת הדברות זענען 'אנכי' און 'ולא יהיה לך', ווייל אמונה איז די יסוד אויף די גאנצע תורה. נאר איינער וואס גלייבט אינעם אייבערשטן, פאר איהם איז שייך אנצוזאגן און באפעלן די אלע מצוות.

**און** וועגן אט דעם סיבה האט דער אייבערשטער געוויזן פאר די אידן, אז ער איז דער הער פון אלעס און עס איז נישט דא נאך אזא איינציגער אזוי ווי זיין איינציגקייט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ (דברים ד, לה), און **רש"י הק'** ברענגט, אז ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר די אידן האט ער זיי געעפענט די זיבן הימלן, און פונקט ווי ער האט זיי געשפאלטן די זיבן הימלן, אזוי האט ער זיי געשפאלטן די ערד, און מען האט געזעהן אז ער איז דער איינציגסטער, דעריבער שטייט 'אתה הראת לדעת' - אז מען האט אליין געזעהן אז דער אייבערשטער איז דער איינציגסטער.

**און** אוודאי האט דער אייבערשטער נישט סתם אזוי אויפגעמאכט די הימל און די ערד, נאר ער האט געוואלט מיט דעם מחזק זיין זייער אמונה, און איינפלאנצן אין זיי עד סוף כל הדורות, אז זיי זאלן זיין ראוי און מוכשר מקבל צו זיין די תורה.

**און** אזוי טרעפן מיר אין **סמ"ק**, וואס רעכענט אויס די מצוה פון אמונה, אלץ דער ערשטער מצוה פון די מצוות התורה (מצוה א), ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "צו וויסן אז דער וואס האט באשאפן די הימל און די ערד, ער אליין איז דער וואס געוועלטיגט איבעראל, און אין אלע עקן פון די וועלט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ, וכתיב וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת אֵין עוֹד (דברים ד, לט). דער אייבערשטער איז טאקע דער וואס פירט די וועלט מיט זיין באפעל, און ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, און אונז געטוהן די אלע נסים און נפלאות, און קיין שום מענטש צוקלאפט זיך נישט, אפי' קיין פינגער, אן דעם וואס דער אייבערשטער זאל דאס אויסרופן אין הימל, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מֵה' מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ (תהלים לז, כג)", עכ"ל.

**אזוי** אויך איז דאך ווייט באקאנט די ווערטער פונם הייליגן **רמב"ן** (סוף פרשת בא ד"ה ומן הניסים), וואס שרייבט "אז א מענטש האט נישט קיין חלק אין תורה משה, ביז ער וועט גלייבן, אז אלעס וואס פאסירט איז נסים, עס איז נישט פארהאן קיין טבע אדער 'נאטורליכקייט'". קומט אויס אז אן קיין אמונה, ווערט דער מענטש גערעכענט ווי ער האט נאכנישט אנגעהויבן די תורה.

## » וואס איז באהאלטן אין די ווארט 'מאֹד'?!

**אזוי** האט דער הייליגער חתם סופר זי"ע מסביר געווען (דרשות ח"ב רצ"ט ד"ה כי) דאס וואס שטייט אין מגילת רות כִּי הֵמַר שַׁדַּי לִי מְאֹד (רות א, כ). נאכדעם וואס די צוויי קינדער פון נעמי זענען געשטארבן, און זי איז געבליבן נאר מיט איר שנור רות, האט נעמי געוואלט זייער פארלוירן, און איר איינציגסטע האפענונג צו ווערן אויפגעראכטן איז געווען נאר דאס, אז זי האט געוואוסט אז זי האט אין די שטאט בית לחם א קרוב וואס הייסט 'בועז', וואס איז גאר א חשוב'ער מענטש, און זי האט געטראכט אז ווען זי וועט צוריק קומען וועט ער איר העלפן זיך צוריק אויפצובויען און אויפגעראכטן ווערן.

**נאר** וויבאלד אז זי האט געוויסט אז עס נישט צנועות'דיג אז זי זאל גיין רעדן מיט בועז, האט זי געטראכט, אז ווען זי וועט אנקומען, וועט זי זיך טרעפן מיט די ווייב פון בועז, און אזוי ארום אריבער שיקן די בקשה, אז ער זאל איר העלפן.

**אבער** צו איר מזל, גלייך ווען זי איז אנגעקומען קיין בית לחם, איז בועז'ס פרוי געשטארבן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שם יט) וַיְהִי כְּבוֹאָנָה בֵּית לֶחֶם וַתֵּהֹם כָּל הָעִיר, און **רש"י הק'** זאגט אויף דעם "ותיהום כל העיר, עס איז געווארן אן איבערקערעניש, יעדער איז זיך צוזאמגעקומען צו באגראבן די פרוי פון בועז וואס איז יענעם טאג נפטר געווארן". אין יענע רגע האט נעמי פארשטאנען אז איר לעצטע האפענונג איז אויך צוגערונדט געגאנגען, ווייל זי וועט נישט האבן יעצט צו וועם צו רעדן, און ווי אזוי צוצוקומען צו בועז. און אויף דעם ארויף האט זיך געוויינט און געזאגט (שם כ) קְרֶאןָ לִי מָרָא כִּי הֵמַר שַׁ-דַּ-י לִי מְאֹד.

**אבער** דער אמת איז געווען אז דאס אלעס איז געווען פאר איר טובה, ווייל דורך דעם האבן זיך זאכן געדרייעט אז רות אליין זאל זיך אנטרעפן מיט איר, וואס

דורך דעם האט זיך צום סוף חתונה געהאט מיט איהם, און האט געהאט פון אלעם גוטן. און נישט נאר דאס, נאר פון דעם איז דאך רות געבוירן געווארן, און דעמאלטס האבן אלע פרויען געשריגן פונקט פארקערט, ווי עס שטייט אין פסוק וַתֹּאמַרְנָה הַנָּשִׁים אֶל נָעֳמִי בָּרוּךְ ה' וגו' וְהָיָה לָךְ לְמֵשִׁיב נֶפֶשׁ, וּלְכַלְכֵּל אֶת שֵׂיבָתֵךְ וגו' וַתְּהִי לוֹ לְאֹמֶנֶת (שם ד יד-טז), און פון דעם איז ארויסגעקומען אן א שיעור טובות פאר כלל ישראל, ווי עס ווערט געשילדערט אין פסוק און אין די מדרשים, וואספארא ברכה איז געווען אין די צייטן פון שלמה המלך (-וואס איז ארויסגעקומען פון רות).

**און** אלץ רמז קען מען צולייגן, אז די ווערטער ה'מר ש'ד-י ל'י מ'אד, איז ראשי תיבות שלמ"ה, אז דוקא די צייט וואס זי האט געמיינט אז עס איז די ביטערסטע מינוט אין לעבן, און עס קען שוין נישט זיין ערגער, אין דעם איז געלעגן די גרעסטע טובה און ישועה.

**און** לויט דעם אלעם, איז די חתם סופר ממשיך מסביר צו זיין, דאס וואס חז"ל זאגן (**ברכות** נד.) אויפן פסוק וּבְכָל מְאֹדֶךָ (דברים ו, ה), אז מען זאל דאנקן דעם אייבערשטן זייער שטארק אויף יעדע איינציגע וועג און אויף יעדע נסיון וואס דער מענטש דארף זיך מיט דעם פארמעסטן. אז ווען מען וועט אריינטראכטן וועט מען זעהן, אז די שווערסטע זאך וואס איז נאר געווען פאר כלל ישראל, דאס איז דאס וואס מען איז פארטריבן געווארן אין גלות. די בעסטע תקופה וואס איז נאר געווען פאר כלל ישראל איז געווען אין די צייטן פון שלמה המלך.

**די** אותיות וואס קומען פאר די ווארט 'מאד', קומט אויס 'גלות' (-די ג' איז פאר די ד', די ל' איז פאר די מ', און די ת' איז פאר די א'), און די אותיות וואס קומען נאך די ווארט מאד איז 'בנה' (-ב' נאך די א', די נ' נאך די מ', און די ה' נאך די ד'), וואס דאס איז מרמז אויף שלמה המלך, וואס עס שטייט אויף איהם. (מלכים א' ח, יג) בָּנֹה בָנִיתִי בֵּית זְבֻל לָךְ מָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ עוֹלָמִים.

**און** דאס איז קומט אונז ווייזן און מרמז זיין, אינם פסוק וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ וגו' וּבְכָל מְאֹדֶךָ, אז סיי אויפן גלות, און סיי אויפן שלמה המלך, אויף ביידע זייטן פון דעם 'מאד', דארף מען דאנקן דעם אייבערשטן, און פארשטיין אז דער גלות איז אויך א הכנה אויפן 'בנה'.

**פון** דעם דארף א יעדע איד זיך ארויסלערנען אויף זיינע אייגענע זאכן, ווען עס זעהט איהם אויס אז עס איז שוין פארלוירן געווארן די לעצטע האפענונג, מיט דם אלעמען זאל ער קיינמאל נישט אויפגעבן, נאר ער זאל וויסן אז א יעדע שלעכטע זאך איז נאר די הכנה צו די גוטע זאך.

**און** אין אמת'ן איז עס שוין מרומז, אין רש"י הק' וואס שרייבט (בב"ב צא.) "די פרוי פון בועז איז געשטארבן, דאס קומט אונז זאגן, אז דער אייבערשטער גרייט אן די רפואה פאר די מכה, און א מענטש דארף זיך פארזיכערן אינעם אייבערשטן.

### » מה היא המצוה המקדימה לקבלת התורה?!

**דעם** זעלבן ענין טרעפן מיר אויך ביי איינע פון די געשעענישן ארום מתן תורה. פאר דער אייבערשטער האט זיך אנטפלעקט פאר כלל ישראל ביי די מורא'ידע מעמד פון מתן תורה, שטייט אין פסוק וְאֶל מֹשֶׁה אָמַר עֲלֵה אֶל ה' אַתָּה וְאַהֲרֹן נָדָב וַאֲבִיהוּא וְשִׁבְעִים מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם מֵרָחֹק (שמות כד, א). און אין **פירוש הטור** אויפן תורה וואונדערט זיך זייער, פארוואס זענען אלעזר און איתמר נישט ארויפגעגאנגען אויפן בארג. לכאו' ווייסן מיר דאך פון חז"ל, אז זיי זענען געווען גרעסער פון די זקנים, אזוי ווי די גמ' זאגט (עירובין נד:), אז זיי זענען אריין לערנען די תורה מיט משה, פאר די זקנים, אדרבה, זיי האבן אין א געוויסע שלב (עיי"ש) אויסגעלערנט פאר די זקנים. איז ווי אזוי קען זיין, אז די זקנים האבן געהאט רשות ארויפצוגיין אויפן בארג און זיי נישט.

**און** ער איז מבאר, אז דער אייבערשטער, וואס ער רעכנט אלעס אויס פון פאראויס, האט געוויסט אז דאס גייט גורם זיין אז זיי וועלן שטארבן, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (תנחומא בהעלותך ט"ז) אז דעמאלטס זענען נדב און אביהוא נתחייב געווארן שריפה (צוליב א פגם וואס איז דארט געטוהן געווארן), נאר דער אייבערשטער האט נישט געוואלט צושטערן די שמחה פון קבלת התורה, האט ער עס אפגעשטיפט ביז די חנוכת המשכן, און פאר די זקנים האט ער עס אפגעשטופט ביז די מעשה פון די מתאוננים. און ווען אלעזר און איתמר וואלטן אויך געווען דעמאלטס אויפן בארג, וואלט אהרן הכהן געבליבן און קיין שום קינדער רח"ל, און דער אייבערשטער האט נישט געוואלט אז עס זאל ח"ו ווערן אויסגעריסן די צווייג פון כהונה, דעריבער האט ער זיי מלכתחלה נישט געלאזט ארויפגיין.

**און** דאס איז מרומז אין די טעמים פונעם פסוק. ווייל אויף די ווערטער וְאֶל מֹשֶׁה אָמַר עֲלֵה אֶל ה' אַתָּה וְאַהֲרֹן נָדָב וַאֲבִיהוּא, איז דא א 'קדמא ואזלא מונח רביעי', וואס מען קען עס טייטשן, אז פון די פיר (-רביעי) קינדער פון אהרן הכהן, זענען געבליבן (-מונח) אינטן פונעם בארג צוויי, ווייל 'קדמה ואזלא', דער אייבערשטער האט שוין פאראויס געזעהן וואס גייט זיין, און פאר זייער טובה האט זיי נישט געלאזט ארויפגיין אויפן בארג.

**יעצט** לאמיר גוט אריינטראכטן, שטייט זיך דארט אהרן הכהן, אין די הייליגסטע מינוטן פון אנהייב בריאת העולם, און ער זעהט ווי זי זיבעציג זקנים באקומען רשות ארויפצוגיין אויפן בארג, און זוכה זיין צו אלע השגות וואס מען האט נאר דארט געקענט זוכה זיין, און דאגעגן זיינע קינדער וואס זענען אין א העכערע דרגה, זענען נישט זוכה צו מעגן ארויפגיין אויפן בארג, און בלייבן שטייען צווישן אלע אנדערע מענטש פון אינטן, און ער קען נישט פארשטיין, וואס איז פשט פון דעם.

**אבער** די רבונו של עולם שטייט און זאגט, ווארטס נאר צו, וועט איר זעהן אז אין זכות פון דעם, גייט פארבלייבן א זכר צו אהרן הכהן און די כהונה, און דאס איז די גרעסטע טובה וואס עס קען נאר זיין פאר אהרן.

"... פינחס האט דאך געזעהן ווי זיין גאנצע משפחה ארום, זיין טאטע און זיידע, פעטער'ס און קוזענ"ס, דינען פערציג יאר אין מדבר אלץ כהנים, און ער נישט, און ער וואלט געקענט האבן פון דעם א געוואלדיגע צער..."

### » די גרויסע טובה וואס איז ארויסגעקומען פון דעם וואס פינחס איז נישט געזאלבט געווארן פאר א כהן ביז ער האט נישט גע'הרג'עט זמרי

**דאס** זעלבע טרעפן מיר ביי פינחס, ווי עס שטייט אין פסוק (כה, יג) וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם, תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹהָיו, וַיְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, און **רש"י** איז דארט מסביר "כאטשיג מען האט שוין אויסגעטיילט די כהונה פאר די קינדער פון אהרן, איז עס אבער נישט געגעבן געווארן נאר פאר אהרן און די קינדער וואס זענען געזאלבט געווארן צוזאמען מיט איהם, און פאר זייערע קינדער וואס וועלן געבוירן ווערן נאך זיי, אבער פינחס וואס איז שוין געווען געבוירן דעמאלטס, און מיט דעם אלעם איז ער נישט געזאלבט געווארן, איז נישט געווען קיין כהן". און אזוי שטייט אויך אין גמרא (**זבחים** קא:) "פינחס איז נישט באשטימט געווארן צו זיין קיין כהן, ביז ווען ער האט גע'הרג'עט זמרי".

**די ספר דרש מרדכי** ברענגט ארויס א זייער גרויסע מוסר השכל פון דעם, ווי פאלגענד: מען דארף זיך מתבונן זיין און די אינטערסאנטע וועג ווי אזוי די באשעפער פירט זיך מיט די מענטשן פון די וועלט, וואס איז איין שטיק חסד און רחמים, וואס אפי' עס מאכט זיך אז עס זעהט אויס פארן מענטש אז עס איז איהם געשען עפעס א שלעכטס, באמת האט דאס די באשעפער אינטער געפירט נאר פאר זיין גוטס".

**"אז** מען טראכט אריין קענען מיר זעען א געוואלדיגע דערהויבענקייט אין די אויפירונג פון פינחס. פינחס האט דאך געזעהן ווי זיין גאנצע משפחה ארום, זיין טאטע און זיידע, פעטער'ס און קוזענ"ס, דינען פערציג יאר אין מדבר אלץ כהנים, און ער נישט, און ער וואלט געקענט האבן פון דעם א געוואלדיגע צער, אבער אין אמת'ן זעען מיר אז עס איז ארויס געקומען פון דעם נאר גוטס, ווייל נאר אזוי האט ער געקענט מקיים זיין די מצוה פון הרג'ענען זמרי, און פון דעם איז ארויס געקומען נאך מער גוטס אז ער איז אפגעשיידט געווארן צו זיין א כהן, און עס שטייט אין תוספות אז אלע כהנים גדולים אין בית ראשון און בית שני זענען געווען אייניקלעך פון פינחס, און נאך צוגאב צו דעם אלעם, האט ער נאך זוכה געווען צו די גאר דערהויבענע דרגה ארויפצוגיין לעבעדיג אין גן עדן".

**"איז** פון דעם דארפן מיר זיך ארויסלערנען אז מען טאר קיינמאל נישט פרעגן קשיות אויפן אייבערשטן, ווייל וואס אימער עס געשעהט נאר, איז דאס אייביג נאר צום גוטן".